**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/13/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ניו יארק'ס ערשטע צעל און גענע טעראפיע צענטער ביי ראזוועל פארק אינהאלטסרייכע קענסער צענטער אין באפעלאו**

***$98 מיליאן צעל און גענע טעראפיע פירמע פאסיליטעט וועט שטיצן פארשונג און דעוועלאפמענט פון לעבנס-רעטונג טעכנאלאגיעס אריינרעכענענדיג קענסער-באקעמפונג צעל טעראפיעס***

***נייע צענטער וועט אויך שטיצן באמיאונגען צו ציען פירנדע ביאלאגישע וויסנשאפט פירמעס און נייע ארבעט געלעגנהייטן צו ניו יארק***

***גאווערנער אנאנסירט צוויי צעל און גענע טעראפיע צענטערן אלץ טייל פון די 'סטעיט פון די סטעיט' פלאן צו בויען ניו יארק'ס שנעל-וואוקסנדע ביאלאגישע וויסנשאפט באפעלקערונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק'ס ערשטע צעל און גענע טעראפיע צענטער וועט פארקומען אין די ראזוועל פארק אינהאלטסרייכע קענסער צענטער ( Roswell Park Comprehensive Cancer Center) אין באפעלאו, עריע קאונטי. די $98 מיליאן צענטער וועט העלפן שטיצן די פארשונג און דעוועלאפמענט פון לעבנס-רעטונג טעראפיעס ביי ראזוועל, באדייטנד פארשפרייטן זייער פעסט-אוועקגעשטעלטע פארשונג מעגליכקייטן, און אוועקשטעלן ראזוועל אלץ איינע פון די הויפט צעל טעראפיע אנטדעקונג און פאבריצירונג אנשטאלטן אין די פאלק און גענצליך טוישן די וואוקס פון די צעל און גענע טעראפיע באפעלקערונג אין מערב ניו יארק. דאס פארברייטערונג אנערקענט אויך גאווערנער האקול'ס 2023 סטעיט פון די סטעיט פארפליכטונג צו אוועקשטעלן אן אפסטעיט צעל און גענע טעראפיע צענטער און שטארקן די סטעיט'ס פירערשאפט אין די שנעלע-וואוקסנדע ביאלאגישע וויסנשאפט באפעלקערונג.

"די צוקונפט פון מעדיצין איז אין צעל און גענע טעראפיע און די נייע צענטער ביי ראזוועל פארק אינהאלטסרייכע קעיר צענטער וועט לייגן מערב ניו יארק - און גאנץ ניו יארק סטעיט - ביים שפיץ פון די לעבנס-רעטונג באהאנדלונגען און טעראפיעס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אין מיין 'סטעיט פון די סטעיט' רעדע, האב איך זיך אונטערגענומען צו אינוועסטירן אין די שנעלע-וואוקסנדע באפעלקערונגען אזויווי ביאלאגישע וויסנשאפטן, און א דאנק א $30 מיליאן סטעיט אינוועסטירונג, וועט ראזוועל'ס נייע פאסיליטעט העלפן אוועקשטעלן אונזער סטעיט'ס צוקונפט אין די פעלד, שאפן 21'סטע יאר-הונדערט ארבעט געלעגנהייטן, און געבן האפענונג פאר דורות פון ניו יארקער וועלכע פארלאזן זיך אויף די קריטישע באהאנדלונגען."

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וועט אינוועסטירן $30 מיליאן צו ארויסהעלפן מיט פארברייטערן די יעצטיגע צעל און גענע טעראפיע פארשונג מעגליכקייט ביי ראזוועל'ס טעראפעאישע צעל פאבריצירונג פאסיליטעט פון זעקס צו 20 ספעציעליזירטע ריינע צימערן, עס מאכנדיג די גרעסטע אקאדעמישע צעל און גענע טעראפיע פארשונג און פאבריצירונג פאסיליטעט אין די פאראייניגטע שטאטן. די נייע

פאסיליטעט וועט איבערגיין יעדע טריט פון די צעל טעראפיע דעוועלאפמענט פראצעדור, און דורכדעם פארקורצערן די וועג פון פארשונג צו פאבריצירונג. עס וועט פאשנעלערן די וואוקס פון פירמעס וואס הויבן אן מיט ארויפברענגען די טעראפיעס אויפ'ן מארקעט, פארשפרייטן פריוואטע אינוועסטירונג, שטארקן די סטעיט'ס פארשריט-געווידמעטע טאלאנט אויסוואל, און ציען פארטנערשיפס מיט בייאפארמא פירמעס.

ראוסוועל וועט ארבעטן אויף אנטוויקלען צעל און גענע טעראפיעס צו באקעמפן אוועקגעשטעלטע געוואוקסן. יעצטיגע קענסער-באקעמפונג צעל טעראפיעס ארבעטן אויף וואס איז באקאנט אלץ פליסיגע געוואוקסן, אזויווי לוקימיע און לימפאומע. כאטש צעל טעראפיע איז א פעלד פון קענסער-באקעמפונג וואס האלט נאך אינמיטן ווערן אנטוויקלט, האבן פריע ערפאלגן שוין געוויזן אז עס קען פירן צו שטארקע רעאקציעס פאר 80 פערצענט אדער מער פון פאציענטן מיט געוויסע סארט בלוט-באזירטע קראנקהייטן - קענסערס וועלכע זענען פריער באטראכט געווארן אלץ אוממעגליך צו היילן.דאס אנטוויקלונג פון צעל טעראפיעס וואס ארבעטן פאר אוועקגעשטעלטע געוואוקסן אזויווי די פון די ברוסט, קאלאן און לונגען - וועלכע זענען מער באקאנט - איז א וויכטיגע ציל פאר קענסער פארשער.

**ראוסוועל פארק פרעזידענט, CEO און M&T פרעזידענטליכע טשעיר אין פירערשאפט קאנדעיס ס. דזשאנסאן, PhD האט געזאגט,** "דורך זייער פירערשאפט מיט אנערקענען און אינוועסטירן אין פארשריט מיט די כח צו ראטעווען די מערסטע לעבנס, פארזיכערן גאווערנער האקול און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט א געזונטערע, מער האפנטליכע צוקונפט פאר ניו יארקער. די מערסטע ארויפגעקוקטע און פיל-ערגרייכנדע עקספערטן אין צעל טעראפיע האבן אריינגעלייגט זייער שטערקסטע כחות אין ראוסוועל פארק ווייל די פארשריט וואס זיי קענען מאכן אין ראוסוועל פארק קענען זיי נישט מאכן אין קיין שום אנדערע פלאץ, און דאס מיינט אייגנארטיגע וויטקייט און הילפסמיטלען וועלכע העלפן ארויס ראוסוועל פארק פאציענטן."

**טשעיר פון די ראוסוועל פארק באורד פון דירעקטארס ליסיע איוו, עסק. האט געזאגט,** "די פארטנערשיפ און שטיצע פאר ראוסוועל פארק פון גאווערנער האקול און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט איז ווייטער אן אויסערגעוועגליכעביישפיל פון גענצליך אויסנוצן די בענעפיטן פון ניו יארק סטעיט קלוגשאפט. ראוסוועל פארק האט שוין צאמגענומען געוואלדיגע ערפארנקייט און מעגליכקייטן אין די נייע פעלד פון צעל טעראפיע, און א דאנק די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט'ס שטיצע האבן מיר געקענט שנעל אנקומען צו אונזער ציל פון עפענען איינע פון גרעסטע און אינהאלטרייכנדע פראגראמאן פון די סארט פון די גאנצע וועלט."

צעל און גענע טעראפיע איז איינע פון די פעלדער וואס וואקסן די שנעלסטע אין ביאלאגישע וויסנשאפט און ניו יארק איז אין א גוטע פלאץ צו העלפן אנטוויקלען די נייע, שטארקע-וואקסנדע סאב-באפעלקערונג פון די ביאלאגישע וויסנשאפט אינדוסטרי. צעל און גענע טעראפיע באקעמפן קראנקהייטן אזויווי קענסער דורך פראדוצירן איבער-געפראגראמטע פאציענט צעלן צו אדער פארריכטן צעלן וועלכע פאראורזאכן די קראנקהייט אדער אוועק'הרג'נען געוואוקסן. די סטעיט שטייט יעצט אלץ איינע פון די העכסטע דריי פאר NIH געלטער, צאל פאטענטן, און צאל צעל און גענע טעראפיע קלינישע פרואוון, און עס שטייט צו געניסן ריזיגע בענעפיטן דורך לייגן געוויכט אויף צעל און גענע טעראפיע דעוועלאפמענט.

גאווערנער האקול האט אנאנסירט דאס עפענונג פון צוויי צעל און גענע טעראפיע צענטערן - איינס אפסטעיט און איינס דאונסטעיט - אין איר 2023 'סטעיט פון די סטעיט' רעדע אלץ טייל פון איר אנגייענע באמיאונגען צו שטיצן וואוקס און פארשריט אין ניו יארק סטעיט. יעדע צענטער וועט איניינעם געפונען וויכטיגע צעל און גענע טעראפיע אינפראסטרוקטור, טעכנאלאגיע, און סערוויסעס צו פארזיכערן אז ניו יארק האט סיי די טאלאנט און אינפראסטרוקטור וואס מען דארף צו זיין די פירער אין די פעלד. עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט זעצט פאר צו ארבעטן מיט פארטנערס אויף צו אוועקשטעלן א דאונסטעיט צענטער.

**עמפּייער סטעיט דעוועלאָפּמענט פּרעזידענט, CEO און קאָמישאַנער האָופּ נייט האָט געזאָגט,** "איינצוימען די מעגליכקייטן צו צווייַ לאָקאַלן און זייַ באַהעפטן איבער די סטעיט וועט מאַכן ניו יאָרק אַ שטאַרקע כח אין צעל און גענע טעראַפּיע דעוועלאָפּמענט. גאַווערנער האָקול'ס פאַרפּליכטונג צו שטאַרקן צעל און גענע טעראַפּיע געבט אויסנאַמע מעגליכקייטן צו שטאַרקן אינטעלעקטועלע פּראָפּערטי, שאַפן און ציען פירמעס צו איינפירן די פּראָדוקטן, ציען פּריוואַטע אינוועסטירונג, און פאַרעמען פּאַרטנערשיפּס מיט בייאָפאַרמאַ פירמעס."

**פאַרשטייער בריַיען היגינס האָט געזאָגט,** "ראָוסוועל פּאַרק האָט אַ לאַנגע היסטאָריע און אַ ליכטיגע צוקונפט אַלץ אַ וועלט פירער אין דאָס דעוועלאָפּמענט פון פאַרגעשריטענע קענסער באַהאַנדלונגען און אַנטדעקונגען. דאָס אינוועסטירונג דורך גאַווערנער האָקול איז מער ווי בלויז אַ פאַרפּליכטונג צו וויסנשאַפט. עס איז אַ פאַרפּליכטונג פאַר אַלע פאַמיליעס אין ניו יאָרק און ווייטער וועלכע זוכן האָפענונג און צו געוואונען אין די קאַמף קעגן קענסער."

**סטעיט סענאַטאָר טימאָטי מ. קענעדי האָט געזאָגט,** "ראָוסוועל פּאַרק אינהאַלטסרייכע קענסער צענטער דינט ווייטער אַלץ אַ שטראַל פון האָפענונג פאַר אַזויפיל מענטשן, נישט בלויז דורך איר דורכגעטראַכטע, פּאַציענט-באַזירטע קעיר, נאָר דורך די פאַרגעשריטענע פאָרשונג וואָס עס פירט אין יעדן טאָג. די סטעיט אינוועסטירונג וועט ווייטער שטאַרקן די מיסיע און איבערקוקן שטאַרקע באַהאַנדלונג געלעגנהייטן וועלכע וועלן ראַטעווען לעבנס און פאַראויס טרייבן אונזער פעלד פון מעדיצין."

**אַסעמבלי מאַיאָריטעט פירער קריסטעל ד. פּיפּלס-סטאָוקס האָט געזאָט,** "ראָוסוועל פּאַרק'ס נייע צעל און גענע טעראַפּיע אַקאַדאַמישע פירמע פאַסיליטעט וועט גענצליך איבערטוישן אַלעס פאַר אַלעמען, אַלץ די גרעסטע אין די לאַנד, האָבן שוין שטודיעס געוויזן באַדייטליכע האָפענונג קעגן געוויסע סאָרט קענסערס. עס וועט אויך געבן ערשטע ביזנעס און אַרבעט געלעגנהייטן פאַר אינטערעסירטע פּאַרטייען. אַ דאַנק אייך גאַווערנער האָקול און עמפּייער סטעיט דעוועלאָפּמענט פאַר דאָס ערמעגליכן."

**עריע קאַונטי עקזעקיוטיוו מאַרק סי. פּאָלאָנקאַרץ האָט געזאָגט,** "ראָוסוועל פּאַרק אינהאַלטסרייכע קענסער צענטער איז באַקאַנט איבער די וועלט אַלץ אַ פירער אין קענסער קעיר און באַהאַנדלונג, און די נייע צעל און גענע טעראַפּיע צענטער וועט ווייטער שטאַרקן זייער גוטע נאָמען. איך דאַנק גאַווערנער האָקול פאַר'ן מאַכן די קריטישע און מעגליך לעבנס-רעטונג אינוועסטירונג."

**באָפעלאָו מעיאָר בריַיען בראַון האָט געזאָגט,** "ראָוסוועל פּאַרק זעצט פאָר צו זיין אַ שטראַל פון האָפענונג פאַר פאַמיליעס וועלכע ליידן פון קענסער איבער די מערב ניו יאָרק ראַיאָן און ווייטער. די נייע פאַסיליטעט וועט שאַפן רעוואָלוציאָנערע באַהאַנדלונגען וועלכע וועלן האָפנטליך פירן צו בעסערע רעזולטאַטן פאַר די אַלע וואָס שלאָגן זיך מיט קענסער. איך אַפּלאָדיר גאַווערנער האָקול פאַר איר אָנגייענדע שטיצע פון ראָוסוועל פּאַרק און פאַר לייגן די געזונטהייט פון ניו יאָרקער אויפ'ן שפּיץ פון אירע פּלענער."

דאָס פאַרברייטערונג פון ראָוסוועל'ס טעראַפּעאַטישע צעל פאַבריצירונג פאַסיליטעט איז טייל פון ניו יאָרק סטעיט'ס ‎$620‎ מיליאָן ביאָלאָגישע וויסנשאַפט אינציאַטיוו (Life Science Initiative), געווידמעט צו אונטערטרייבן די וואוקס פון אַן ערשט-קלאַסיגע ביאָלאָגישע וויסנשאַפט פאָרשונג צענטער אין ניו יאָרק, ווי אויך צו פאַרברייטערן די סטעיט'ס מעגליכקייט צו אַרויפברענגען די פאָרשונג אויפ'ן מאַרקעט און מאַכן די עקאָנאָמיע וואַקסן. די פילפאַכיגע אינציאַטיוו רעכנט אַריין 320 מיליאָן דאָלאַר פאַר סטראַטעגישע פּראָגראַמען וועלכע ציהען צו נייע ביאָלאָגישע וויסנשאַפט טעכנאָלאָגיעס צו די סטעיט, הייבן אונטער קריטיש-וויכטיגע פּובליק און פּריוואַטע סעקטאָר אינוועסטירונג אין אויפקומענדע ביאָלאָגישע וויסנשאַפט פעלדער און שאַפן און פאַרברייטערן ביאָלאָגישע וויסנשאַפט-פאַרבינדענע ביזנעסער און באַשעפטיגונג

אריבער גאנץ ניו יארק.ליינט ניו יארק סטעיט'ס ביאלאגישע וויסנשאפט אינציאטיוו סטראטעגישע פלאן דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418